ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## חג השבועות

(חלק ב)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חג השבועות

א. מתן תורה איז געווען אין חודש סיון, חודש השלישי. דערפון איז פאַר־שטאַנדיק אַז תורה איז פאַרבונדן מיט „שלישי". וואָרום אויסער דעם וואָס אַלץ, ובפרט די ענינים פון תורה ומצוות, איז בהשגחה פרטית, געפינען מיר דעם פאַרבונד פון חודש השלישי מיט מתן תורה מפורש אין דברי רז"ל[1], אוריין תליתאי לעם תליתאי בירחא תליתאי.

איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס איז די מעלה אין חודש „שלישי" דוקא, ובפרט אַז דער גאַנצער ענין פון תורה איז דאָך צו ממשיך און מגלה זיין אין וועלט דעם הוי' אחד, דורך תורה אחת, איז דאָך די מעלה פון תורה אין אח־דות, ניט אין שלשה?

נאָך מער: די שייכות פון חודש השלישי איז בעיקר צו תורה, ווי דער לשון רז"ל, אוריין תליתאי כו' בירחא תליתאי.

מצוות זיינען געווען אויך פאַר מתן תורה, ווי די מצוות בני נח, מצות מילה און די מצוות שנצטוו במרה. און כאָטש זיי זיינען אַלע ניט גלייך אַפילו צו די זעלבע מצוות ווי זיי זיינען געגעבן געוואָרן בסיני[2], אָבער דער ענין פון מצוות בכלל על כל פנים איז געווען אויך פריער. דער עיקר אויפטו פון חג השבועות שבחודש השלישי איז געווען — מתן תורה.

די מעלה פון תורה אויף מצוות ווערט דערקלערט אין תניא[3], אַז דורך מצוות ווערט מען אַ מרכבה צו אלקות, וואָס מרכבה איז בטל צום רוכב, אָבער זי איז ניט איין זאַך מיטן רוכב; דורך תורה אָבער ווערט מען פאַראייניקט ממש מיט דעם אויבערשטן.

לויט דעם איז נאָך מער ניט פאַר־שטאַנדיק, ווי קומט עס וואָס תורה דורך וועלכער מען ווערט איין זאַך מיטן אויבערשטן, איז געגעבן געוואָרן בחודש השלישי דוקא?

ב. די דערקלערונג דערפון איז:

דער תכלית איז טאַקע אחדות און ניט שניות חס ושלום. ווען אָבער איז די אחדות אַן אמת'ע און אויס־געפּרואווטע אחדות, בעת מען ווייסט

1) שבת פח, א.

2) זע פירוש המשניות להרמב"ם חולין סוף פרק ז: ושיך לבך על העיקר הגדול כו'.

3) פרק כג ובהערות הצמח צדק שם. און זע אויך דאָרט פרק ד ופרק ה.

פון נאָך אַ מציאות און פונדעסטוועגן האַלט מען ביי אחדות אמיתית. אויב מען ווייסט אינגאַנצן ניט פון קיין אַנדער מציאות – איז נאָך קיין ראי׳ ניט אַז די אחדות ביי וועלכער מען האַלט איז אַן אמת׳ע, מען ווייסט נאָך ניט וואָס וועט מיט אים זיין ווען ער וועט זיך דערוויסן פון אַ צווייטער מציאות.

ווי עס איז באַוואוסט דער משל וועגן ענין ירידת הנשמה למטה, פון אַ בן מלך וואָס מען וויל אויספּרואוון ווי שטאַרק ער איז פאַרבונדן צום מלך, נעמט מען אים צו פון דעם היכל המלך און מען פירט אים אַוועק אין אַ ווייטן אָרט צווישן נידעריקע מענטשן, און ווען אויך דאָרטן פירט ער זיך אויף ווי אַ בן מלך, זעט מען, אַז ער איז באמת צוגעבונדן צו זיין טאַטן, דעם מלך.

און אַזוי אויך ביי דעם ענין. ווען ער קומט אין אַן אָרט פון שניות, ער באַגעגנט זיך מיט אַ פאַרקערטן ענין און דאָך שטערט דאָס אים ניט צו אחדות, דאַן זעט מען אַז ער איז באמת מיוחד.

אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) ער איז מבטל די מציאות ההפכית, ער רעכנט זיך מיט איר לגמ־רי ניט. ב) ער מאַכט די מציאות גופא אַ כלי צו אחדות.

די אחדות אין צווייטן אופן איז אַ טיפערע, אַן אמת׳ערע. בשעת מען איז נאָר מבטל די מציאות ההפכית, איז נאָך דאָ אַ מציאות וואָס איז סותר און מנגד צו אחדות, מער ניט וואָס מען רעכנט זיך ניט מיט איר. ווען אָבער די אחדות דרינגט דורך אויף אַזויפיל אַז יעדער מציאות ווערט אַליין אַ כלי צו אחדות, דאַן איז עס אמת׳ע אחדות.

ג. די אויבנדערמאָנטע דריי תנועות זיינען אין די דריי חדשים, ניסן, אייר און סיון[4].

ניסן איז חודש הראשון. אין ניסן איז יציאת מצרים, שנגלה עליהם מלך מל־כי המלכים הקב״ה, אַ גילוי מלמעלה, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו מטה. כי ברח העם, מען אַנטלויפט פון אַלץ און מען קלעפּט זיך צו אלקות.

אייר איז חודש השני. דעם גאַנצן חודש ציילט מען ספירת העומר, – בירור המדות דנפש הבהמית. מען האָט צו טאָן מיט מטה – שניות – און מען איז דאָס מברר. די מציאות איז אָבער נאָך אַלץ אַ מציאות, ניט אלקות. דאָס איז אויך דער רמז אין דעם נאָמען פון חודש – אייר, ראשי תיבות: אברהם יצחק יעקב רחל, ד׳ רגלי המרכבה, וואָס דעם ענין המרכבה איז נאָר ביטול צום רוכב, ניט יחוד.

סיון איז דער חודש פון מתן תורה, חודש השלישי. מען נעמט די צוויי, מעלה און מטה, און מען מאַכט פון זיי אַ דריטן ענין, וואָס איז העכער פון זייביידע – אמיתית היחוד וההתכללות באלקות.

ד. און דערפאַר איז תורה געגעבן געוואָרן בחודש השלישי, ווייל דער ענין פון תורה איז יחוד. בעת מען איז מקיים אַ מצוה איז מען טאַקע מבטל די אייגענע מציאות צו־

4) זע אויך לקו״ש ח״א ע׳ 265 ואילך.

ליב דער מצוה, מען ווערט אָבער ניט איין זאַך מיט איר. אָבער אין תורה, ווערט דער שכל פון מענטשן פאַראייניקט[5] מיט דער חכמה און דעם רצון פונעם אויבערשטן. און דאָס איז דער ענין פון שלישי, ער נעמט זיין שכל מיט חכמתו של הקב״ה כביכול, און פון זיי ביידן מאַכט ער אַ דריטע זאַך — כולא חד.

דאָס איז אויך וואָס משה קיבל תורה מסיני. מצוות זיינען געגעבן געוואָרן אויך במרה, אָבער תורה מסיני דוקא. ווייל דער ענין פון סיני איז דמכיך מכל טוריא (וואָס ער איז נידעריקער פון אַלע בערג), יחוד ב׳ ההפכים[6], און דער יחוד איז נתגלה געוואָרן אין תורה דוקא.

(משיחת ש״פ בה״ב, תשח״י)

ה. עס שטייט אין זוהר[7] אַז חג השבועות איז העכער פון אַלע ימים־טובים. וואָס דערפאַר איז ער אינמיטן, צווישן פסח און סוכות, ווייל ער איז אמצעיתא דכולא. תורה איז די נקודה התיכונה פון אַלע ענינים.

דאָס וואָס שבועות איז ניט מער ווי איין טאָג, ניט ווי פסח און סוכות וועלכע זיינען זיבן און אַכט טעג, איז ניט ווייל דער יום טוב איז אַ קלענערער, נאָר אדרבה, דער יום אחד פון חג השבועות טוט אויף דעם ענין פון ומי כעמך כישראל גוי אחד בארץ.

דאָס איז ווי פריער געזאָגט, אַז אמיתית ענין האחדות איז אין תורה שניתנה בחודש השלישי דוקא.

ו. אין קו האמצעי זיינען פאַראַן צוויי מעלות: א) קו האמצעי איז משובח פון די אַנדערע צוויי קוים, אַזוי ווי מיר געפינען אין גמרא[8]: רב באמצע גדול מימינו וקטן משמאלו. ב) קו האמצעי איז דער שורש אויף אַלע קוים, וואָרום קו האמצעי עולה עד הכתר, שורש ומקור לכל הספירות.

אַזוי זיינען אויך אין דעם אמצעי פון חג השבועות פאַראַן ביידע מעלות: א) חג השבועות איז העכער פון אַנדערע ימים טובים. ב) שבועות איז געגעבן געוואָרן די תורה, אין וועלכער עס שטייען אַלע מועדים.

ווי גערעדט פריער, איז דער עיקר ענין פון חג השבועות — תורה. די מעלה פון לימוד התורה אויף קיום המצוות איז אין ביידע ענינים הנ״ל: א) מצות תלמוד תורה איז גרעסער פון אַלע מצוות, כמאמר רז״ל[9]: ותלמוד תורה כנגד כולם. ב) תלמוד תורה איז דער שורש וואָס ברענגט אַלע מצוות, כמאמר רז״ל[10]: גדול תלמוד שמביא לידי מעשה.

ז. די דערקלערונג אין דעם איז:

תרי״ג מצוות זיינען כנגד תרי״ג אברים. רמ״ח מצוות עשה כנגד רמ״ח אברים און שס״ה מצוות לא תעשה כנגד שס״ה גידים[11]. תורה איז מוחין, און פונקט ווי די מעלה פון מוחין

---

5) זע תניא פרק ה: והוא יחוד וכו׳.

6) זע אויך לקו״ש דאָרט עמוד 276.

7) חלק ג צו, א, עיין שם באריכות. זע אויך הוספות לתורה אור ס״פ יתרו.

8) יומא לז, א.

9) פאה פרק א משנה א.

10) קידושין מ, ב.

11) זהר חלק א קע, ב.

אויף אַלע אברים איז אַ צווייענדיקע: א) דער חיות פון מוחין איז העכער פון דעם חיות וואָס אין אַלע איבעריקע אברים. ב) אין מוח איז כלול אויך דער חיות וואָס אין אַלע אברים און ער איז אויף זיי אַ שרש[12]. אַזוי איז אויך די מעלה פון תורה אויף די אַנדערע מצות, ווי אויבן דערקלערט.

ח. נאָך אַ מעלה איז דאָ אין קו האמצעי, שעולה עד פנימיות ועצמות הכתר, העכער פון שורש ומקור הספי־רות שבכתר.

אַזוי איז אויך אין תורה אַז אויסער די דערמאָנטע מעלות — וואָס זי ברענגט צו מעשה המצוות און איז גרעסער פון אַלע מצוות — וואָס דאָס זיינען מעלות אין מצות תלמוד תורה, איז אויך פאַראַן אַ מעלה אין תורה מצד עצמה, וואָס זי איז חכמתו של הקב״ה, ואהי׳ אצלו אמון גו׳[13].

וואָס דאָס איז אויך דער אמת׳ער ענין פון לימוד התורה לשמה, כפשט הלשון — לשם התורה עצמה. אַפילו ניט צוליב וויסן ווי זיך צו פירן, אויך ניט צוליב קיום מצות לימוד התורה, נאָר לערנען תורה צוליב תורה אַליין.

על דרך משל אַ קינד וואָס האָט אַ צייט ניט געזען זיין פאָטער, רופט ער אים, און בעת ער דערזעט אים, כאַפּט ער זיך אַרום מיט זיין פאָטער דעם מלך, און האַלזט און קושט אים, וואָס דאָס איז ניט צוליב דער תועלת וואָס ער וועט פון אים האָבן, נאָר צוליב דעם פאָטער אַליין.

אַזוי איז אויך אַ איד, ווען נאָר ער האָט אַ ליידיקע מינוט, וואָס ער קען אַריינכאַפּן את אביו המלך דורך תורה, כמאמר רז״ל[14]: אותי אתם לוקחים, טראַכט ער ניט בשעת מעשה וועגן קיין זאַך, ניט וועגן לידע את המעשה, ניט וועגן קיום מצות תלמוד תורה. ער כאַפּט זיך אָן אין תורה אַליין, ווייל אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד[15].

ט. לויט דעם וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס עס שטייט אין גמרא[16], הלל מחייב עניים ור׳ אלעזר בן חרסום מחייב עשירים. אויב עס וועלן קומען עניים און עשירים און טענה׳ן אַז זיי האָבן ניט געלערנט מצד הטרדא, וועט מען זיי ברענגען אַ ראי׳ פון הלל און ר׳ אלעזר בן חרסום.

אין פלוג, ממה נפשך, אויב דאָס איז אַ פאַלשע פאַרענטפערונג, און באמת האָבן זיי געהאַט צייט צו לערנען, דאַרף מען דאָך ניט אָנקו־מען צו הלל און ר׳ אלעזר בן חרסום, עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער ציווי[17]: והגית בו יומם ולילה. אויב עס איז געווען איין ווײלע וואָס ער האָט געקענט לערנען און ניט גע־לערנט איז ער דאָך בכלל כי דבר ה׳ בזה גו׳[18]; און אויב זיי האָבן

12) תניא פרק נא.

13) זע לקוטי תורה במדבר יב, א און ווייטער.

14) שמות רבה פל״ג, ו (בשינוי לשון). תניא פרק מז.

15) תניא פרק כג בשם הזהר.

16) יומא לה, ב.

17) יהושע א, ח.

18) במדבר טו, לא. סנהדרין צט, א.

טאַקע באמת ניט געהאַט קיין צייט אויף לערנען, ווי קען מען זיי מחייב זיין?

איז דאָך אַ ראי' דערפון אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט וואָס מצד הדין, מצד קיום מצות תלמוד תורה, איז מען פטור, און פונדעסטוועגן צוליב דעם קאָך און געשמאַק וואָס דאַרף זיין אין תורה, וואָס אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד, כאַפּט מען זיך צו צו דער תורה אויך ווען על־פי דין איז מען פטור.

י. און דאָס איז אויך דער טעם וואָס תורה ווערט אָנגערופן אמת, כמאמר רז"ל[19], אין אמת אלא תורה.

דער ענין פון אמת איז וואָס עס האָט ניט קיין הפסק. דאָס וואָס האָט אַ הפסק איז ניט אמת. כידוע[20] בענין נהרות המכזבין. אמת איז — תכון לעד[21].

וואָס דאָס איז אויך מרומז אין די אותיות א' מ' ת', ווי עס שטייט אין ירושלמי[22], אַז א' איז תחלת האותיות, מ' — אמצעית האותיות, און ת' — סוף האותיות, און דער ענין פון אמת איז, אַז אומעטום, ביים אָנהויב, אין מיטן און צום סוף, איז ער גלייך.

און דעריבער ווערט תורה אָנגערופן אמת, ווייל זי האָט ניט קיינע הגבלות. מצוות זיינען באַגרענעצט אין צייט און אָרט. אויך מצות תלמוד תורה האָט אירע הגבלות הזמן (די וועלכע זיינען טרוד אין זייערע געשעפטן על פי תורה — זיינען פטור פון לימוד התורה אין דער צייט וואָס זיי מוזן האָבן פאַרן עסק, ווי עס ווערן דערקלערט די פרטי דינים פון דעם אין שולחן ערוך הלכות תלמוד תורה) וה־מקום (וואָס אין מקומות המטונפים טאָר מען ניט לערנען). אָבער תורה אַליין האָט קיינע הגבלות ניט, ניט פון זמן און ניט פון מקום (ווי עס שטייט אין גמרא[23]: לאונסו שאני).

יא. בנוגע לפועל איז — מען דאַרף האַלטן אין איין לערנען תורה.

ניט לערנען צוליב יוצא זיין פאַרן שולחן ערוך (און סוף כל סוף ברענגט עס צו מאַכן אַ חשבון אַז על פי שולחן ערוך קען ער יוצא זיין מיט פרק א' שחרית ופרק א' ערבית). וואָרום אוי־סער דעם וואָס מען דאַרף וויסן צי זיין חשבון האַלט טאַקע אויס על פי שולחן ערוך, וואָרום עס קען זיין אַז ער האָט גאָר מערער צייט, ובמילא איז ער אויך על פי שולחן ערוך מחוייב מער, אוי־סער דעם, אַפילו אויב עס איז אַזוי ווי ער האַלט, איז אָבער מצד דעם געש־מאַק און קאָך אין תורה, דאַרף מען האַלטן אין איין לערנען.

אויך ניט מאַכן קיין חשבונות, אַז דער גדול תלמוד איז דאָך לידע את המעשה, איז בעת אַז עס וועט קומען צו אים אַ שאלה וועט ער זיך אַוועקזעצן און דורכטאָן דעם דין פון דעם מקור אין חומש מיט דער גמרא און אַלע ראשונים און אחרו־נים ביז דעם אַלטן רבי'נס שולחן ערוך, אָבער בשעת אַז למעשה

19) ברכות ה, ב.

20) פרה פרק ח משנה ט.

21) משלי יב, יט. זע אויך תניא פרק יג.

22) סנהדרין פ"א ה"א.

23) קידושין לג, א.

איז עס ניט נוגע לערנט ער ניט — דאַרף מען וויסן, אַז דער עיקר ענין פון תורה איז תורה צוליב תורה, און מען דאַרף האַלטן אין איין לערנען תורה יעדע רגע, און יגדיל תורה ויאדיר.

יב. לויט דעם אַלעמען, וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק צווישן תורה און מצוות לגבי קטנים.

פון אַלע מצוות זיינען קטנים פטור. עס איז דאָ אַ מצוה מצד חובת חינוך, אָבער די מצוה איז נאָר מדברי סופ־רים[24], און די מצוה איז אויפן פאָטער, ניט אויפן קטן.

אָבער ביי תורה שטייט[25] „מצות עשה מן התורה על האב ללמד את בנו הקטן תורה", עס איז דאָ אַ חיוב אויך אויפן בן אַז ער איז „חייב ללמד את עצמו כשיכיר"[26].

דער טעם אויף דעם: מצוות זיינען בהגבלה. אָבער תורה, וואָס זי איז בלי גבול, איז ביי אַלע אידן.

יג. דערפאַר האָט מען ביי מתן תורה געפאָדערט די ערבות פון בנים[27], ביי די מצוות שנצטוו במרה האָט מען קיין ערבות ניט געדאַרפט און דוקא ביי מתן תורה האָט מען געפאָדערט ערבות.

לויט דעם וועט עס זיין פאַרשטאַנ־דיק: דער עיקר ענין פון מתן תורה איז ניט נתינת המצוות, נאָר נתינת התורה, וואָס איר חיוב איז אויך אויף קטנים, און וויבאַלד אַז אויך קטנים זיינען מחויב בלימוד התורה, שטייט די מעלה אין זיי דוקא[28], ווי ער פירט דאָרט אויס אין מדרש: מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.

יד. און דאָס איז דער ענין וואָס תורה איז „אמת". אמת איז פון אל"ף ביז תי"ו, פון די העכסטע מדריגות ביז די נידעריקסטע. פון איין זייט זאָגט מען אַז תורה איז עומק רום, העכער פון לידע את המעשה, העכער פון ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט עשי'; פון דער צווייטער זייט איז דאָ תורה אויך אין עומק תחת ביז קטנים שפטורים מן כל המצוות.

טו. דאָס איז אויך אַ הסבר אויף דערויף וואָס מיר געפינען דעם לשון „יגדיל תורה ויאדיר" אין צוויי קצוות הפכיים.

אין איין אָרט[29] שטייט דער לשון לגבי מלמדי תינוקות — אַז דערביי גייט ניט אָן קיין השגת גבול, ווייל יגדיל תורה ויאדיר. דאָס איז דאָך אַן אופן פון ראשית תחלת הלימוד, עומק תחת.

אין אַ צווייטן אָרט[30] רעדט זיך עס לגבי סימני דג טהור. זאָגט די גמרא, כל שיש לו קשקשת יש לו סנפיר, און צוליב וואָס שטייט אויך סנפיר — צוליב יגדיל תורה ויאדיר. דאָ רעדט מען שוין וועגן אַן ענין פון תורה מצד עצמה, העכער פון לידע את המעשה.

24) זע שולחן ערוך לאדמו"ר הזקן אורח חיים סימן שמ"ג, תניא הקדמה לחלק ב. ואכ"מ.

25) לשון רבנו הזקן בשלחנו פרק א מהלכות תלמוד תורה ס"א.

26) רמב"ם הלכות תלמוד תורה פרק א ה"ג. זע פסקי דינים להצ"צ דאָרט.

27) שיר השירים רבה פ' א' ד, א.

28) זע אויך לקו"ש ח"א ע' 110.

29) רמב"ם הלכות ת"ת פרק ב הלכה ז.

30) חולין סו, ב.

און אין אַלערליי אופנים אין לימוד התורה, פון דעם העכסטן אופן ביז דעם נידעריקסטן, זאָגט מען „יגדיל תורה ויאדיר" און „אותי אתם לוקחים".

דאָס איז אויך וואָס עס שטייט: קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, ואין אמת אלא תורה, אַז אין אַלערליי אופנים, לכל אשר יקראוהו, מיט אמת וואָס דאָס איז תורה, איז קרוב ה', נעמט מען עצמות, וואָרום העצם — כשאתה תופס במקצת מן העצם אתה תופס בכולו[31], דער עצם איז אומעטום דער זעלבער.

טז. דער אויבערשטער זאָל געבן, מען זאָל טאָן אין לימוד התורה, אין אַלערליי אופנים, און אין זיי אַלע באופן פון יגדיל תורה ויאדיר, וואָס דורך דעם וועט זיין די הולדה וואָס קומט פון יום חתונתו זה מתן תורה — בדומה לעצמו־תו יתברך, און מען וועט דורכטאָן דעם בנין העולם[32], מען וועט מאַכן פון דעם מטה, און דורך דעם מטה אויך פון דעם מעלה, אַ דירה לו יתברך.

* * *

יז. שבועות איז אַ זמן מסוגל צו שטאַרקן זיך אין אָפּהיטן די תקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בלימוד השיעורים, חומש תהלים און תניא בכל יום. חומש: אַלע טאָג אַ פרשה חומש מיט פירש"י: זונטיק — ביז שני, מאָנטיק — ביז שלישי, א. א. וו. תהלים: אַלע טאָג נאָכן דאַוונען אין דערפרי אַ שיעור אין תהלים ווי ער איז איינגעטיילט לויט די טעג פון חודש. — אין „לבוש" שטייט וועגן זאָגן תהלים פאַרן דאַוונען, אָבער דאָס איז נאָך אַן ענין. די תקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר איז, צו זאָגן דעם יום תהלים נאָכן דאַוונען[33]. — תניא: אַלע טאָג אַ שיעור אין תניא כפי שנחלק לימי השנה[34].

חומש איז דאָך געגעבן געוואָרן בחג השבועות דורך משה רבינו.

תהלים איז דאָך שייך צו דוד המלך, וואָס שבועות איז זיין יום הולדת ויום ההילולא[35].

און תניא איז דאָך שייך צום בעל שם טוב (וואָרום גילוי תורת הבעש"ט איז דורך חסידות חב"ד און דורך תניא בפרט, וכידוע[36] הרמז אין דער הסכמה פון תניא, „וכעת ישמח ישראל בהגלות דברי קדשו"), וואָס שבועות איז דער יום ההילולא פון בעל שם טוב.

איז דאָך איצטער אַ זמן מסוגל זיך צו שטאַרקן אין די שיעורים, וואָס זיי זיינען שוים לכל נפש, נוסף אויף דער התחזקות אין שיעורים בתורה בכלל, כל חד לפום שיעורא דילי', וואָס אויך אויף דערויף איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַסיק דער זמן פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, גאַנץ תורה, אויך כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

און דורך שמירת התקנה פון די שיעורים הנ"ל, וועט זיין דער

31) מאמר הבעש"ט — געבראַכט אין ד"ה השמים כסאי תרס"ח (בהמשך תרס"ו ע' תקכב).

32) שת"ח נק' בנאין כו' וענין ההולדה והבנין בכלל — נתבאר בהשיחה בארוכה — ואכ"מ.

33) זע אויך ספר המאמרים תש"ח ע' 264 בהערה.

34) נדפס במורה שיעור.

35) ירושלמי הובא בתוס' ד"ה אף עצרת, חגיגה יז, א.

36) לקוטי דבורים ח"א סא, א.

„חתת[37] (ראשי תיבות ח׳ומש ת׳הלים ת׳ניא) אלקים על הערים", און עס וועט זיין דער „ויסעו", אַז מען וועט פאָרן מתוך מנוחה אין ארץ ישראל בגאולה השלימה והאמיתית, ווי מען האָט גע־זאָגט צו יעקב אבינו נסעה ונלכה, וואָס אַזוי וועט דאָך טאַקע זיין במהרה בימינו, ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, אַז דורך לימוד התורה וקיום המצוות, און די אָפּהיטונג פון די אויבנדערמאָנטע תקנות, וועט מען ממשיך זיין משיח צדקנו למטה מעשרה טפחים במהרה בימינו.

(משיחות חגה"ש, תשח"י)

יח. דער טעם אויף דעם וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן אין מדבר איז צו ווייזן אַז אַזוי ווי אַ מדבר איז אַ מקום הפקר, אָן אַ בעל הבית, אַזוי איז אויך אויף תורה ניטאָ קיין בעל הבית און יעדער איד איז שייך צו תורה, און ווען ער לערנט תורה ווערט די תורה זיינע.

פאַרוואָס איז אָבער די תורה געגעבן געוואָרן אין אַ מדבר ארץ צי׳ ועיף בלי מים, אָן קליידער, אָן עסן, און אַפילו אָן וואַסער, ווי עס שטייט אַז די קליידער זיינען מיטגעוואַקסן מיט די אידן אין מדבר, געגעסן האָבן זיי דעם מן און וואַסער האָט זיי דער אויבערשטער גע־געבן פון אַ שטיין; ווייל דאָרט אין מדבר איז ניט געווען קיין זאַך — איז פאַרוואָס האָט מען געגעבן די תורה דוקא אין אַזאַ וויסטן מדבר?

אין אַ משל פון תורה זיינען דאָך אַלע זיינע פרטים מכוון צום נמשל, מוז מען דאָך זאָגן אַז די אַלע פרטים וואָס זיינען געווען אין דעם מדבר האָבן אַ שייכות צו מתן תורה. דער אויבנדער־מאָנטער טעם איז דאָך נאָר אויף דעם פרט פון מקום הפקר, ניט אויף די אַנ־דערע פרטים.

יט. ווען עס קומט צו לימוד התורה, טענה׳ט מען, אַז עס זיינען דאָ פאַרשי־דענע מניעות, וואָס שטערן צום לער־נען. מען שטעלט צו פאַרשידענע טענות און משונה׳דיקע פאַרענטפערונגען.

ווען מען מאָנט פון אַ בעל עסק ער זאָל קובע זיין עתים לתורה, טענה׳ט ער אַז ניט דאָס איז זיין ענין. ער איז אַ בעל עסק און זיין ענין איז צו געבן צדקה און ענלעכע ענינים, אָבער ניט צו לער־נען תורה.

ער ווייסט, אַז דער ענין פון אַ בעל עסק איז צו אָפּרייסן זיך אין מיטן עסק און דאַוונען מנחה, און ווי באַוואוסט אַז דאָס איז די מעלה פון תפלת המנחה, ביז אַז אויף*[37] אלי׳ לא נענה אלא בתפלת המנחה, האָט ער דאָך שוין זייער אַ גרויסן ענין, איז פאַרוואָס יאָגט מען אים צו לימוד התורה דוקא?

ווען מען מאָנט ביי אים ער זאָל לערנען אַ פרשה חומש מיט רש"י, ווער רעדט נאָך דעם שיעור תניא — טענה׳ט ער, חסידות מאָנט דאָך עבודה בסדר והדרגה, איז פריער וועט ער אָפּטאָן בשלימות אַלע זיינע ענינים, ביז תפלת מנחה, אַזוי ווי אלי׳ הנביא, און נאָכהער וועט ער גיין העכער. ער זאָגט זיך ניט אָפּ חס ושלום פון לערנען חומש

37) זע שיחת יום ב׳ דחה"ש תרצ"ו (סה"ש תרצ"ו ע׳ 145).

*37) ברכות ו, ב.

מיט רש״י אָדער תניא, אָבער אַלץ מיט דער צייט, לכשיפנה פון זיינע ענינים, מיט אַ סדר.

אַזוי אויך אַ יושב אוהל, אַז מען מאָנט ביי אים כל עצמותי תאמרנה, לא ימיש וגו׳ א. ד. ג. — זאָגט ער זיך ניט אָפּ פון דעם, נאָר ער טענה׳ט אַז ער דאַרף האָבן דערצו הכנות, פריער דאַרף ער זיך אויסשלאָפן, וועט ער האָבן אַ רואיקע קאָפּ, ער דאַרף זיך אָפּהיטן, עסן איידעלע מאכלים וכו׳,

— אין אלשיך[38] שטייט (ועל דרך זה בשו״ת הרמב״ם) אַז ווען מען עסט איידעלע מאכלים איידלט עס אויס די קאָפּ —

און נאָך דעם אַלעם וועט ער זיך זעצן לערנען.

כ. אויף דערויף איז די הוראה פון נתינת התורה אין מדבר ארץ צי׳ ועיף בלי מים, אַז בנוגע צו תורה דאַרף מען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן.

פונקט ווי צו מתן תורה זיינען די אידן אַרויס פון מצרים אין אַ מדבר בארץ לא זרועה, ניט וויסנדיק ווי און מיט וואָס זיי וועלן אויסקומען, — דעם מן האָבן זיי געהאַט בזכות משה, דעם עמוד הענן בזכות אהרן, און וואַסער בזכות מרים[39]. זיי האָבן זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף אַ זכות פון דריי צדיקים, און דוקא דאַן זיינען זיי געווען גרייט צו קבלת התורה.

דאָס איז אַ הוראה אויף איצטער פאַר אונז, אַז מען דאַרף זיך זעצן לערנען תורה און פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטן, און דאַן וועט דער אויבערשטער געבן כל המצטרך בגשמיות וברוחניות.

(משיחת חגה״ש, תשי״א)

כא. עס שטייט[40] אם פזרת רגלך על העני ועל המצוה נתקיים עליך ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך.

דיוק הלשון אין דברי רז״ל דאַרף האָבן ביאור:

א) על העני מיינט דאָך צדקה, איז וואָס זאָגט ער על העני ועל המצוה, צי דען איז מצות צדקה ניט בכלל המצוה? אדרבה, צדקה רופט מען בכל תלמוד ירושלמי סתם מצוה[41].

לכאורה איז ער דאָ מרמז אַז צדקה איז ווי כללות כל המצוות, שקולה כנגד כל המצוות. אָבער דאָס שטייט דאָך בפירוש אין ש״ס, וואָס דאַרף ער דאָס זאָגן דאָ ברמז?

ב) אויף רגלים פּאַסט דער לשון הליכה אָדער ריצה. וואָס איז דאָ דער לשון פזרת?

כב. דער גוף האדם ווערט פאַנאַנדערגעטיילט בכלל אין דריי טיילן, ראש, גוף און רגל. בפרטיות, טיילט ער זיך אין רמ״ח אברים.

אַזוי איז אויך אין מצוות, אַז בפרטיות טיילן זיי זיך אין רמ״ח מצוות עשה,

— אין ספר חרדים טיילט ער פאַנאַנדער די מצוות לויט די אברים, יעדער מצוה צו וועלכן אבר זי איז שייך —

38) דניאל א, ה.

39) תענית ט, א.

40) דרך ארץ זוטא פרק ט.

41) תניא פרק לז.

ובכללות טיילן זיי זיך אין דריי: מצוות וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן פאַרשטאַנד, ווי ידיעת גדולת הבורא, תלמוד תורה וכו׳ — ראש. מצוות וועל־כע זיינען פאַרבונדן מיטן געפיל פון האַרץ, ווי אהבת ה׳, יראת ה׳, און אהבת ישראל — גוף. און מצוות מעשיות וועלכע זיינען פאַרבונדן, בעיקר, מיט קבלת עול — רגל.

פאַרשטאַנד און געפיל זיינען באַ־גרענעצט. אויך דער קבלת עול וואָס קומט דורך השגה און הרגש, ד. ה. פאַרשטיין און פילן אַז מען דאַרף מקבל זיין עול מלכות שמים, איז עס אויך באַגרענעצט. אָבער קבלת עול ווי דאָס איז בעצם, איז בלי גבול.

און דאָס מיינט פזרת רגלך, פזרת מיינט — צעשפרייטונג, אומבאַגרע־נעצט. ווען און וואו קען זיין „פזרת", בלי־גבול, — אין „רגלך", קבלת עול, ריינער „רגל" (רגל שברגל) ווי ער איז ניט פאַרבונדן מיט מוח ולבו. ווען רגל איז פאַרבונדן מיט מוח ולב, קען זיין אין דערויף הילוך, העכסטנס, ריצה. בשעת אָבער עס איז רגלך בעצם דעמאָלט איז „פזרת" — בלי־גבול.

כג. ווי קען אָבער אַ מענטש, אַ בר דעת, פועל׳ן ביי זיך צו אַוועקלייגן זיין שכל והרגש און שטיין אין אַ תנועה פון פזרת רגלך?

אויף דעם זאָגט ער ווייטער — „על העני". ער זאָל זיך מתבונן זיין אין זיין מעמד ומצב, וועט ער דאַן זען, אַז ער איז אַן עני, ער איז אָרעם בדעת, ובמילא האָט ער ניט וואָס צו רעכענען זיך מיט זיין שכל, ועל דרך זה מיט הרגש הלב, און ער וועט פועל׳ן ביי זיך דעם פזרת רגלך, על המצוה בכלל ועל מצוה סתם — מצות הצדקה בפרט. ער וועט לויפן מיט די פיס, אָן קיינע חשבונות, צוליב געבן אַ אידן צדקה בגשמיות און צדקה ברוחניות.

כד. דער שכר אויף דערויף איז: ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך. בבואך מיינט די אתערותא דלעילא וואָס קומט פאַר דער עבודה און איז אַ נתינת כוח אויף איר, בצאתך מיינט די אתערותא דלעילא וואָס קומט נאָך די אתערותא דלתתא.

איז אין דערויף דאָ דער „ברוך", אַז די אתערותא דלעילא זאָל זיין אַ סך העכער ווי כפי ערך עבודתו. ד. ה. אַז נאָך זיין האָרעווען און אין אַן אופן פון „פזרת", בלי־גבול, גיט מען אים אַ סך מער ווי לויט זיין האָרעוואַניע, וואָרום באתר שלים (שלימות העבודה) — קוד־שא בריך הוא שריא[42].

כה. אין דרשת רז"ל הנ"ל יוצאת מידי פשוטה: די אַלע וואָס האָבן מקיים געווען בפועל „פזרת רגלך", וואָס זיינען געגאַנגען אין דער תה־לוכה אַ מרחק פון כמה שעות, וואָס אין דער צייט האָבן זיי דאָך געקענט זיצן במנוחה און זיך עוסק זיין מיט זייערע ענינים און פונדעסטוועגן זיי־נען זיי געגאַנגען אין אַן אופן פון פזרת צוליב משפיע זיין לעני ברוח־ניות, — זאָל ביי זיי זיין דער ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, בבואך ובצאתך פון יעדן טאָג, פון יעדער וואָך, פון יעדן חודש און פון

42) עיין לקוטי תורה שה"ש כד, א בענין ג׳ דרגות באתערותא דלעילא.

יעדן יאָר, און אויך בבואך ובצאתך פון זייער עבודה, אַ ברכה בבואך, בנתינת הכוח מלמעלה צו מצליח זיין אין זייער אַרבעט במילוי השליחות וואוהין זיי גייען, און אַ ברכה בצאתך, אַז נאָך דער עבודה אין זייער שליחות, זאָלן זיי זען פרי טוב בעמלם, עולמך תראה בחייך[43], און מצליח זיין בעניניהם הפרטים – אין לימוד התורה און אין קיום המצוות בהידור ובעבודת התפלה, וואָס די עבודת התפלה איז דער חוט השדרה פון אַלע ענינים[44], און אויך ברכה בכל המצטרך להם בכל עניניהם הגשמיים.

(משיחת חגה"ש, תשח"י)

43) ברכות יז, א.

44) לקוטי תורה פ' בלק (ע, ד).